# זכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת ויחי תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 412



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### אויף די גוטסקייט פונעם קעניג דארף מען לויבן ה'

"וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה" (מז לא)

"'וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל' - תעלא בעידניה סגיד ליה" [א פוקס אין די צייט וואס עס גייט אים גוט - ביק זיך צו אים]; 'עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה' - הפך עצמו לצד השכינה", (רש"י, ע"פ מגילה טז ב; תנחומא ג).

פון אנהויב רש"י זעט אויס אז יעקב האט זיך געבוקט צו יוסף, און אין פארזעצונג זעט אויס אז ער האט אינזין געהאט זיך בוקן צו די שכינה. צו וועמען האט זיך יעקב געבוקט?

זאגט **רבי שלמה קלוגער:**

דער וואס באקומט א טובה פון א געווענליכער מענטש דארף ער אים מכיר טובה זיין, ווייל ער האט דאך די בחירה צו באשליסן אים גוט'ס טון אדער נישט. אבער דער וואס באקומט א טובה פונעם קעניג דארף ער אים נישט מכיר טובה זיין נאר פאר ה' יתברך, ווייל דער אויבישטער האט גענייגט די הארץ פון קעניג ער זאל אים גוט'ס טון, אזוי ווי עס שטייט (משלי כא א): "לֶב מֶלֶךְ בְּיַד ה' עַל כָּל אֲשֶׁר יַחְפֹּץ יַטֶּנּוּ".

מיט דעם וועט מען פארשטיין די ווערטער פון רש"י: יעקב "הפך עצמו לצד השכינה" צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער האט אריינגעגעבן אין די הארץ פון זיין זון יוסף, דער קעניג פון מצרים, זאל אננעמען זיין געבעט אים באערדיגן אין ארץ כנען. און כדי עס זאל נישט זיין שווער פארוואס האט ער נישט געדאנקט פאר יוסף אליין, אקעגן זיין פאטער איז ער פארערכנט פאר א געווענליכן מענטש, דעריבער שריבט רש"י: "תעלא בעידניה סגיד ליה", צו זאגן: יעקב האט זיך אויפגעפירט צו זיין זון אזוי ווי צו א קעניג, און צוליב דעם האט ער זיך געבוקט נאר צו השי"ת.

'אמרי שפר'

### 'תעלא בעידניה' אין עבודת ה'

"וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל עַל רֹאשׁ הַמִּטָּה" (מז לא)

די חכמים זכרונם לברכה זאגן (מגילה טז ב) די סיבה פארוואס יעקב האט זיך געבוקט צו זיין זון יוסף, ווייל ער איז געווען דער משנה למלך פון מצרים, און ס'איז דא א כלל אז אפילו א פוקס, אין די צייט וואס ער איז מצליח דארף מען זיך בוקן צו אים ['תעלא בעידניה סגיד ליה'].

א וואונדערליכער דערהער האט פון דא ארויסגעלערנט דער ראב"ד **רבי משה שטערנבוך:** אמאל קומט אראפ א הארה פון הימל, און דער מענטש פילט אין זיין הארץ געפילן פון התעוררות צו עבודת ה'. ער דארף וויסן אז אין דער צייט איז ער אין א בחי' פון 'תעלא בעידניה' - פון הימל האט מען אים געגעבן א עת רצון. דעריבער זאל ער נישט פארשפילן די געלעגנהייט וואס ער האט באקומען, נאר ער זאל זען עס אויסנוצן צו אויסגיסן זיין הארץ צו ה' און זיך דערנענטערן צו אים, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין מעורר זיין אויף זיך אסאך רחמים.

'טעם ודעת'

### ישימך אלוקים אזוי ווי א 'בן יעקב'

"וַיְבָרְכֵם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמוֹר בְּךָ יְבָרֵךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יְשִׂמְךָ אֱלֹקִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה" (מח כ)

שוין יארן לאנג וואס כלל ישראל פירט זיך בענטשן זייערע קינדער מיט די ברכה 'ישימך אלקים כאפרים וכמנשה', און מ'דארף פארשטיין פארוואס האט מען אויסדערוועלט דווקא זיי, איז דען נישטא גרעסערע צדיקים פון זיי?

ערקלערט **רבי יונה מארצבאך** פון די ראשי ישיבת 'קול תורה':

מיר מיינען נישט צו בענטשן די קינדער זיי זאלן אויסוואקסן אזוי ווי אפרים און מנשה, נאר די כוונה איז זיי וואונטשן אז אזוי ווי יעקב אבינו האט זיי מחשיב געווען ווי אייגענע קינדער, אזוי ווי עס שטייט (לעיל פסוק ה): "אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי", טראץ זיי זענען נישט געווען זיינע קינדער און זענען אויך נישט אויפגעוואקסן געווארן ביי אים, אזוי זאלן אויך אלע קינדער זוכה זיין שטייגן אז יעקב אבינו זאל זיי רעכענען ווי אייגענע קינדער.

'עלה יונה' עמ' רצט

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אמן - אינוועסטירן א קלייניקייט און פארדינען אסאך

נישט איינמאל טרעף איך מיך זיך מתבונן זיין אין די טיפע באדייט פון ענטפערן אמן. 'אמן' איז טייטש 'אמת', אבער אויב איינער וועט ענטפערן 'אמת' אויף א ברכה, וועט ער זיכער נישט מקיים זיין די מצוה פון ענטפערן 'אמן' אזוי ווי עס דארף צו זיין. ער דארף ענטפערן דווקא 'אמן'.

מ'קען עס צוגלייכן צו איינער וואס וויל באצאלן אדער ארויסנעמען קעש געלט דורך א קרעדיט-קארד (כרטיס אשראי); פון פריער דארף מען קוועטשן ריכטיג די געהיימנ'ס קאוד, אן צו פארטוישן די סדר פון די נומערן, און א וודאי נישט טוישן אפילו איין נומער אויך נישט. אויך די ווארט 'אמן' איז א 'קאוד-ווארט' וואס מיר פארשטייען נישט פארוואס פונקט די ווארט האט זוכה געווען צו אזא גרויסע ליבשאפט אין הימל, אזוי ווייט אז די חכמים זאגן (דב"ר ז א): "אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים".

'אמן' איז א וואונדער-שפריכווארט וואס עפענט אלע טויערן. ווען מיר וועלן אנקומען אין הימל וועלן מיר דארפן צוקומען צו דעם, צו קענען עפענען די טויערן פון גן עדן, אזוי ווי די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו - פותחין לו שערי גן עדן, שנאמר: (ישעיה כו ב) 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים'".

און אויב די טויערן פון הימל קען עס עפענען, איז דאך זיכער אז אויף דער וועלט קען עס עפענען טויערן און באווייזן וואונדער. 'אמן' איז א קליינע השקעה וואס ברענגט ריזיגע פארדינסטן. אין דער וועלט פון אינוועסטן איז די בעסטע אינוועסטן דאס וואס ברענגט גרויסע פארדינסטן אסאך מער פון וויפיל דו האסט אריינגעלייגט, איז דען דא א בעסערע השקעה פון ענטפערן 'אמן'?!

ברכות אן קיין ענדע ווערן געזאגט אין אונזער געגנווארט דורכאויס די שעה'ן פון טאג און נאכט. אויב מיר גלייבן אין די ווערטער פון די חכמים אויפן גרויסן כח פון ענטפערן אמן, מעגן מיר נישט מוותר זיין אפילו אויף איין אמן נישט. מיר וועלן בעטן פון יעדער וואס זאגט א ברכה אין אונזער געגנווארט זאל זאגן אויפן קול און אונז מזכה זיין מיט די גרעסטע זכיה - ענטפערן אמן.

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין

# ברוך משיב אבידה לבעליה...

דא האבן אייך א ספעציעלע ערציילונג וואס איז געשיקט געווארן צו אונז דורך איינער פון די עלטערע לייענער פון דעם בלעטל, און א וואונדערליכער דערהער ליגט אין דעם:

"פאר עטליכע וואכן האב איך געדארפט פארן קיין איירָאפא צוליב מיינע געשעפטן. אויף שבת קודש האב איך זיך אויפגעהאלטן אין פראג, אין די 'קינג דעוויד' האטעל וואס איז כשר למהדרין. דער האטעל געפונט זיך נאנט צו די אלטע אידישע קווארטל וואו דארט עקזיסטירט נאך ביזן היינטיגן טאג דער אלטער באקאנטער שול וואס איז באקאנט מיטן נאמען 'אלטניי-שול', וואס דאס איז דער עלטסטער שול אין איירָאפא וואו עס קומען דארטן נאך פאר תפילות כסדרן, און לויט די מסורת האט דער מהר"ל מפראג נאך געדאוונט דארט.

יעדעס מאל וואס איך בין אין פראג בין איך משתדל דאווענען צום וויַיניגסטנ'ס איין תפילה אין אט דער שול. די פארצייטישקייט און די אלטע אויפשריפטן וואס באצירן זיינע הויכע ווענט ברענגען אריין אין מיר א טרייסל פון התרגשות און ציטער, אין א בחי' פון "מה נורא המקום הזה", און די תפילה קומט ארויס פון טיפן הארץ.

אלס איינער וואס די טעמע 'אמן' איז נאנט צו מיין הארץ, וויל איך באזונדער ארויסברענגען די אויפשריפט פון די מערב וואנט פון די שול: גה"א - ימ"ה, וואס דאס איז ראשי תיבות פון דעם באקאנטן מאמר חז"ל (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".



דער מערב-וואנט אין די 'אלטניי-שול' אויף דעם איז דא דער אויפשריפט פון די ר"ת פון דער מאמר חז"ל: גדול העונה אמן יותר מן המברך".

מיין פלאן איז געווען צוריק אהיים קומען זונטאג ביינאכט, אין די ערשטע פליגער וואס פארט ארויס פון פראג קיין ארץ ישראל. צוליב די יעצטיגע רעגולאציעס צוליב די 'קאראנע-עפידעמיע' האב איך באלד מוצאי שבת געדארפט צוגיין א וועג פון עטליכע מינוט צו די קאמפלעקס וואו דארט האב איך געדארפט טון די 'קאראנע-אונטערזוכונג' פארן פליעהן, אזוי ווי עס נויטיגט זיך אין די יעצטיגע צייטן. אויסער דעם האב איך פלאנירט צו קויפן עפעס אין די גרויסע באקאנטע געשעפט וואס געפונט זיך דארט אין די געגענט. איך האב געקווענקלט צי איך זאל פריער טון די בדיקה אדער איינקויפן, אין ענדע האב איך באשלאסן פריער טון די בדיקה.

שפעטער, נאכן איינקויפן האב איך ארויס גענומען די קאנווערט וואו דארט האב איך געהאלטן מיין געלט, איך האב באצאלט, און נאכדעם בין איך צוריק אין האטעל.

אנקומענדיג אין האטעל זענען פארטונקלט געווארן מיינע אויגן. איך בין אויפגעציטערט געווארן צו זען אז די גאנצע ווערדפולע קאנווערט איז נישט ביי מיר. אויסער דעם גרויסן שאדן וואס איז פארבינדן מיט פארלירן די גרויסע סומע געלט, בין איך געווען צורידערט און צוקלאפט פון די פאקט אז איך בין געבליבן אין א פרעמדע לאנד אן קיין פרוטה לפורטה; וויאזוי וועל איך מארגן באצאלן אויפן איינשטיין אין האטעל און אויך די אנדערע זאכן וואס דארפן נאך קאסטן ביזן פליעהן? - האב איך געטראכט צו מיר צובראכענערהייט.

אין א שפעטע נאכט שטונדע איז די געשעפט שוין געווען פארשפארט און די גאסן ארום פארטונקלט, און ווייל איך האב נישט געהאט קיין וועג צו וויסן וואו איז אראפ געפאלן די קאנווערט - צי אויפן וועג צום האטעל, אדער אין געשעפט, און אפשר איז עס ארויסגענומען געווארן מיט געניטשאפט דורך א טאשן שניידער - וועגן דעם האב איך נישט געזען פאר וויכטיג צוריק גיין די גאנצע וועג אין אזא שפעטע נאכט שטונדע.

לויט וואס איך האב געוואוסט, איז אויף די קאנווערט נישט געווען קיין שום צייכן וואס קען דערציילן אז איך בין איר בעל הבית, אויב אזוי האב איך נישט געזען קיין האפענונג אז די קאנווערט וועט אמאל צוריקגעקערט ווערן צו מיינע הענט. אלס א גלויביגער איד האב איך מקבל געווען דעם דין שמים באהבה, און נאכן ליינען 'קריאת שמע שעל המיטה' בין איך געגאנגען שלאפן ווען אין מיין הארץ האף איך צום גוטן.

אויפצומארגנ'ס אינדערפריה, ווען איך גיי אראפ דאווענען שחרית אין די שול פון די האטעל, האב איך געקווענקלט צי עס איז פאסיג איך זאל דאווענען אז די געלט זאל צו מיר צוריק קומען; אזא גרויסע סומע קעש געלט, אן קיין שום צייכן, און נאך אזויפיל שעה'ן וואס זענען אריבער פון עס איז פארלוירן געווארן, זאל צוריק קומען? - די תפילה עס זאל צוריק קומען צו מיר האט אויסגעזען ווי א תפילת שוא... אין ענדע האב איך באשלאסן דאווענען א פשוטע געבעט, פון הימל זאל מען מיך העלפן.

די ברכות השחר האב איך געזאגט מיט א חברותא אזוי ווי מיין שטייגער, ווען ביי די ברכה 'המכין מצעדי גבר' האב איך אינזין נאך א באזונדערע בקשה דער אויבערשטער זאל היינט צוגרייטן מיינע פוס טריט לטובה ולברכה. ספעציעל האב איך אינזין געהאט ביים ענטפערן 'אמן' אויף די ברכות פון מיין שותף, ווייל איך בין דאך נאך געווען אונטער דעם איינדרוק פון דער מאמר חז"ל וואס איז אויסגעריקט אויף די ווענט פון דער דערנעבנדיגער אלטער שול: "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

נאכן עסן פת שחרית אין האטעל האט מיין ווייב מיך שטארק געבעטן, איך זאל צוגיין צו די געשעפט וואו דארט האבן מיר נעכטן איינגעקויפט און נאכפרעגן צי די פארלוירענע קאנווערט איז דארט געטראפן געווארן. ווי געזאגט, האב איך נישט געזען קיין אויסזוכט די קאנווערט זאל צוריק קומען צו מיר, און אויסער דעם בין איך געווען זיכער אז די קאנווערט איז פארלוירן געווארן אויפן וועג אדער צוגעכאפט געווארן דורך א שווינדלער, אבער אין הארץ האב איך געטראכט אז דאך וועל איך יא דארט צוגיין און מיט דעם וועל איך מקיים זיין די חוב פון השתדלות.

ווען איך בין אנגעקומען אין געשעפט וואס האט גע'טומל'ט פון אסאך מענטשן, האב איך שווער געטראפן איינער פון די ארבערטער וואס איז גרייט געווען אויסהערן וואס איך האב צו זאגן. אויך נאכן טרעפן, האב איך קוים געקענט ערקלערן אז איך האב פארלוירן א בערזל, און ווען יענער האט אין ענדע פארשטאנען, האט ער מיר געבעטן איך זאל צוווארטן ביז ער וועט פרעגן דעם פאראנטווארטליכער פון דער פלאץ. עטליכע מינוט נאכדעם איז ער צוריק געקומען אין באגלייטונג פונעם פאראנטווארטליכער.

איך האב זיך געוואונדערט ווען ער האט געפרעגט אויף מיין נאמען, איך האב דאך געוואוסט אז מיין נאמען איז נישט אויפגעשריבן אויף די קאנווערט, אבער איך האב אים געענטפערט, און דעמאלטס בין איך מער איבערראשט געווארן ווען ער האט מיך געבעטן ווייזן מיין פאספארט. איך האב אים געציי‍גט דעם פאספארט, ער האט אריינגעקוקט אין דעם און נאכדעם האט ער דערלאנגט דעם פארלוירענעם קאנווערט אן זאגן א ווארט. איך האב עס גענומען מיט ציטערדיגע הענט און אים געדאנקט פון טיפן הארץ.

איך האב זיך געאיילט צוריק קערן צו די האטעל ווען מיין הארץ איז פול מיט הודאה. נאר אנקומענדיג אין מיין צימער אין האטעל און איבערגעקוקט די אינהאלט פון די קאנווערט, האב איך פארשטאנען וויאזוי האט דער פאראנטווארטליכער געוואוסט אז איך בין דער בעל הבית פונעם קאנווערט; אין די קאנווערט איז געווען א עמטליכער צעטל וואס אויף דעם איז געווען אויפגעשריבן מיין נאמען און נעבן דעם די קאוד פון די אונטערזוכונג וואס נאר דורך דעם קען מען וויסן די נעגעטיווע-ענטפער וואס וועט מיך ערמעגליכן ארויפגיין אויפן עראפלאן. אן צו טראכטן האב איך עס אריינגעלייגט אין די קאנווערט פון די געלט, און דורך דעם האט ה' מקדים געווען די רפואה למכה.

נאר יעצט האב איך פארשטאנען אז ביי די ברכה 'המכין מצעדי גבר' וואס איך האב היינט אינדערפריה געזאגט האב איך אויף דעם אויך געדארפט דאנקען דעם אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט אויסגעשטעלט און צוגעגרייט מיינע פוס טריט, איך זאל פריער גיין טון די בדיקה פארן גיין איינקויפן, אזוי אז ווען די קאנווערט איז פארלוירן געווארן איז שוין דארט געווען דער צייכן וואס האט זיך אויסגעפעלט כדי די קאנווערט זאל צו מיר צוריק קומען.

פארשטייט זיך אז אויפצומארגנ'ס אינדערפריה צוריק קומענדיג אין לאנד האב איך אויף דעם געלויבט מיט גרויס התרגשות. אבער שטענדיג וועל איך געדענקען וואס איך האב זיך פון דעם געלערנט; ווער ווייסט וויפיל מאל גרייט אן הקב"ה אונזער טריט פאר אונזער טובה אן מיר זאלן וויסן אפילו אויף דעם צו לויבן. עטליכע מאל "גבר עלינו חסדו" און מיר כאפן נישט און פארשטיין נישט...

# די ברכה 'אהבת עולם'

## די מקור פון די ברכה

די ברכה 'אהבת עולם' איז די צווייטע ברכה פון די ברכות פון קריאת שמע של ערבית. עס הייבט זיך אן מיט די ווערטער פון השי"ת וואס איז געזאגט געווארן דורך ירמיהו הנביא (ירמיהו לא ג): "אהבת עולם אהבתיך" (ברכות יא ב).

די חכמים האט אויקגעשטעלט די ברכה דענאך די ברכה 'מעריב ערבים' ווי דארט דערמאנען מיר די באלייכטער פון הימל, ווייל די ברכה 'אהבת עולם' רעדט פון תורה וואס באלייכט מער פון די באלייכטער. די ברכות זענען אויסגעשטעלט אזוי ווי די סדר וואס דוד המלך האט אוועקגעשטעלט אין תהלים (פרק יט): "יום ליום יביע אומר ולילה ללילה יחוה דעת" וגו' - אטקעגן די ברכה 'מעריב ערבים', נאכדעם: "תורת ה' תמימה" וגו' - אקעגן 'אהבה רבה', און אין ענדע: "עדות ה' נאמנה" וגו' - אקעגן קריאת שמע (סידור היעב"ץ, תפילת מעריב).

## די באדייט פון די ברכה

די שייכות צווישן די ברכה 'אהבת עולם' צו 'קריאת שמע' ערקלערט רבי שלמה פון גארמייזא ('סידור רבנו שלמה' סי' מט) אזוי: אין די פרשיות פון קריאת שמע זענען מיר באפוילן געווארן לערנען תורה און מקיים זיין די מצוות, וועגן דעם זענען מיר מקדים פארן ליינען זאגן די ברכה וואס אין דעם לויבן מיר ה' אויף די תורה און מצוות וואס ער האט אונז געגעבן. נאך ערקלערט דער של"ה הק' ('סידור השל"ה' תפילת מעריב) אז ביים זאגן "בשכבנו ובקומנו נשיח בחוקך" איז אונזער כוונה אויף די מצוה פון קריאת שמע, וואס מיר זענען באפוילן געווארן צו ליינען צוויי מאל יעדן טאג - "בשכבנו ובקומנו".

אין ספר 'ברכה משולשת' (א ד) שטייט אז די ברכה 'אהבה רבה' צופריה און 'אהבת עולם' ביינאכט ווערן פאררעכנט אלס 'ברכות התורה' אין באציאונג צו די דריי קאפיטלעך פון די תורה וואס מ'זאגט ביי קריאת שמע. און די פוסקים שרייבן טאקע אז בדיעבד איז דער מענטש יוצא דער חיוב פון ברכות התורה מיט די ברכה 'אהבה רבה' אדער מיט די ברכה 'אהבת עולם', אויב ער האט געלערנט באלד נאכן דאווענען ('שולחן ערוך' או"ח מז ז; 'משנה ברורה' שם יג).

## די געבוי פון די ברכה

די ברכה הייבט זיך נישט אן מיט 'ברוך', ווייל עס איז סמוכה צו די ברכה 'המעריב ערבים' (טור או"ח רלו), און יעדע ברכה הסמוכה לחברתה ענדיגט מיט 'ברוך' און הייבט נישט אן מיט ברוך, ווייל די אנהויב פון די פריערדיגע ברכה פטר'ט אויך די ברכה (ברכות מו א; רש"י שם ב ד"ה ויש).

לויט נוסח אשכנז ענדיגט מען די ברכה מיט א בקשה מעין הפתיחה: "ואהבתך **אל תסיר** ממנו לעולמים". לכאורה דארף מען פארשטיין, מיר האבן דאך א הבטחה פון דער נביא "אהבת עולם אהבתיך", און מיר האבן עס אויך דערמאנט אין אנהויב די ברכה, פארוואס דארפן מיר בעטן אויף דעם? ערקלערט דער משגיח רבי חיים פרידלענדער, מיר בעטן נישט אויף די עצם אהבה, נאר אויף איר ניווא; אין אהבה איז דא אסאך שטאפלען, און אונזער בקשה איז אז די שטארקייט פון די ליבשאפט צו אונז זאל שטענדיג בלייבן אין איר גרויסן שטאפל, און זאל קיינמאל נישט פארוויניגערט ווערן ('שפתי חיים' ביאורי תפילה עמ' שפה).

אבער לויט נוסח בני ספרד זאגט מען ביי די ענדע פון די ברכה "ואהבתך **לא תסור** ממנו לעולמים". מען בעט נישט, נאר מען טוט אוועקשטעלן און ארויסברענגען אז די ליבשאפט פון ה' צו אונז וועט זיך ציען מיט איר שטארקייט אויף אייביג ('בד קודש' ואתחנן).

## א ברכה ביים אריינגיין און א ברכה ביים ארויסגיין

די אינהאלט פון די ברכה איז לכאורה פאראלעל צו די ברכה 'אהבה רבה' וואס מיר זאגן בעפאר קריאת שמע של שחרית, אבער דער וואס איז זיך מתבונן וועט באמערקן א ערנסטער אונטערשייד צווישן זיי. די ברכה 'אהבה רבה' איז כולל אין זיך אויך א בקשה צו פארשטיין די תורה, דאקעגן די ברכה 'אהבת עולם' ענהאלט אין זיך נאר א לויב אויף די זכות צו לערנען תורה און מקיים זיין מצוות. הגרא"מ הורוויץ (בהגהותיו לברכות שם) ערקלערט אזוי:

די משנה אין מסכת ברכות (כח ב) דערציילט אז רבי נחוניא בן הקנה האט געדאווענט א קורצע תפילה ביים אריינגיין אין בית המדרש, און א קורצע תפילה ביים ארויסגיין. ווען מ'האט אים געפרעגט וואס איז די באדייט פון די תפילות, האט ער גענטפערט: "בכניסתי אני מתפלל שלא יארע דבר תקלה על ידי, וביציאתי אני נותן הודאה על חלקי". אויך די חכמים האבן מתקן געווען די ברכות לויט דעם סדר. אינדערפריה ביי די ברכה 'אהבה רבה' וואס ווערט געזאגט בעפאר מיר גייען אריין אין בית המדרש בעטן מיר מיר זאלן מצליח זיין אין אונזער לערנען, אבער ביינאכט ביי די ברכה 'אהבת עולם' וואס ווערט געזאגט ווען מיר גייען ארויס פון בית המדרש, געבן מיר א דאנק אויף די תורה און מצוות וואס מיר האבן באקומען.

## די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז מען דארף לויבן דעם אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט אונז ליב און הלוואי אז זיין ליבשאפט צו אונז זאל זיך קיינמאל נישט אפטון פון אונז. און לויט נוסח בני ספרד וואס אין די ברכה איז נישט פאראן א בקשה, דארף מען נאר אינזין האבן, עס איז אמת אז מען דארף לויבן דעם אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט אונז ליב (זעה אויבן אין קאלום 'די געבוי פון די ברכה').

## אוצר הברכות

### מאה ברכות אין די פרשה

### טויזנט ברכות דורך מאה-ברכות

"מֵאֵל אָבִיךָ וְיַעְזְרֶךָּ וְאֵת שַׁדַּי וִיבָרְכֶךָּ בִּרְכֹת שָׁמַיִם מֵעָל" (מט כה)

זאגט דער 'בני יששכר':

די חכמים זכרונם לברכה (תנחומא קרח יב) זאגן אז דוד המלך האט מתקן געווען זאגן יעדן טאג מאה ברכות און האבן געטראפן אויף דעם א רמז אין פסוק (שמואל ב' כג א): "נְאֻם דָּוִד בֶּן יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל", ד. מ. אז דוד האט מתקן געווען די תקנה פון "על" [= בגימטריה מאה] ברכות. די תקנה איז כדי דער מענטש זאל זוכה זיין צו ברכות שמים. ווייל אין זוהר הקדוש (ויצא קסא א) ווערט געברענגט אז 'ברכת שמים' איז נישט וויניגער פון טויזנט, און ווייל די שכר פון יעדע ברכה איז צען זהובים (ב"ק צא ב), קומט אויס אז נאר דורך זאגן מאה ברכות קען דער מענטש זוכה זיין צו טויזנט ברכות שמים.

דער ענין איז מרומז אין אונזער פסוק: צו "בִּרְכֹת שָׁמַיִם" וואס זענען נישט וויניגער פון טויזנט, איז דער מענטש זוכה "מֵעָל" - אין זכות פון ע"ל ברכות, וואס זייער שכר איז טויזנט זהובים.

**'אגרא דכלה'**

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## אוצרות אויף די שכר פון ענטפערן אמן

### ענטפערן אמן ברענגט אסאך שפע

דער של"ה הקדוש שרייבט (מס' תמיד אות פ):

"אין די ספרי המקובלים וואס שעפן זייערע רייד פון די באר-מים-חיים פון די זוהר האבן מאריך געווען אין די סוד פון די ווארט אמן און זיינע אותיות, און זיי שרייבן אז אלע, די עליונים און די תחתונים, זענען אנגעהאנגען אין די ווארט אמן, און דאס איז דער עיקר און שורש און שטארקער יסוד פון אלע עולמות. און ווער עס האט אינזין ביי יעדע ברכה און ברכה וואס קומט ארויס פון דער מברך און ענטפערט אמן מיט כוונה אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז גורם אויבן זייער אסאך קדושה, און איז משפיע שפע רב טוב פאר אלע עולמות, ווייל ער עפענט דעם מקור העליון מקור מים חיים, אזוי ווי ער עפענט די קוואל אנטרינקען אלעס וואס מ'דארף אנטרינקען...".

דער 'תפארת שלמה' שרייבט אז דאס איז מרומז אין דער פסוק (במדבר יא יא): "כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיֹּנֵק". דורך די יחוד וואס ווערט געטון דורך ענטפערן אמן, איז מען יונק און ממשיך אלע גוטע השפעות פאר כלל ישראל ('תפארת שלמה' יתרו).

### פתח כחודו של מחט

דער גאב"ד רבי משה אריה פריינד טייטש דעם מדרש (שהש"ר ה ג): "אמר הקדוש ברוך הוא לישראל: בניי, פתחו לי פתח אחד ... כחודה של מחט ואני אפתח לכם פתח שיהיו עגלות וקרוניות נכנסות בו", גייט ארויף אויף די טויערן פון ברכה וואס עפענען זיך אין זכות פון ענטפערן אמן; הקדוש ברוך הוא בעט פון אונז א גרינגע און קליינע זאך ווי א שפיץ פון א נאדל - מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן לויט די הלכה, און אנשטאט דעם עפענט ער אין הימל ריזיגע טויערן פון ברכה און טובה וואס איז נישטא קיין שאץ אויף זייער ווערד ('עטרת יהושע' האזינו).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער לייענער

**לכבוד די רעדאקציע פון די גליון 'וכל מאמינים'**

שלום רב

יישר כחכם אויף דעם וואונדערליכן גליון וואס ענק האבן לעצטנ'ס באנייט, און איז פאר מיר א קוואל פון חיזוק צו קענען מער און מער זיך מתחזק זיין צו מקפיד זאגן ברכות און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין.

שוין יארן לאנג וואס די מתפללים אין דער מנין וואו איך דאוון יעדן אינדערפריה זענען מקפיד אויף זאגן ברכות השחר בחברותא. דער חיזוק איז צו פארדאנקען א טייערער איד וואס האט זיך גע'עקש'נט צו מקפיד זיין אויף אט די הנהגה ביז אלע האבן אויך אנגעהויבן אזוי צו טון, קומען פריה עטליכע מינוט כדי צו קענען זאגן צוזאמען די ברכות.

עס איז באקאנט וואס עס שטייט אין גמרא (ברכות ו ב): "אמר רבי יוחנן: בשעה שהקדוש ברוך הוא בא בבית הכנסת ולא מצא בה עשרה - מיד הוא כועס, שנאמר: 'מדוע באתי ואין איש...'". און דער וועלט פרעגט אויב איז די טענה אויף דעם וואס איז נישטא קיין מנין, וואלט געדארפט שטיין אין פסוק: 'מדוע באתי ואין אנשים?', און מען ענטפערט, אויב וואלט געווען אפילו נאר איין 'איש' וואס איז אינטערעסירט אין דעם, וואלט שוין אלעס אנדערשט אויסגעזען...

אין אונזער שול האבן מיר זוכה געווען מיטן אויבערשטנ'ס הילף צו א 'איש' [ר"ת: 'יהודי שמחשיב אמן...'] וואס האט גענומען די פראיעקט אין די האנט אריין און געמאכט א איבערקערעניש אין די באציאונג פון אלע מתפללים צו 'אמן'.

איך וועל צולייגן און אנצייכענען אז פון מאל קומען צו אונזער מנין אזעלעכע וואס דאווענען נישט בקביעות מיט אונז. אמאל האב איך געפרעגט איינעם פון זיי, דו וואוינסט דאך גאנץ ווייט פון דא און דו האסט א שול נעבן דיין הויז, פארוואס קומסטו ביז אהער? זיין ענטפער האט מיך איבערראשט, ער האט מיר געזאגט אז אין א טאג וואס ער נויטיגט זיך אין א באזונדערע סייעתא דשמיא שטרענגט ער זיך אן צו דאווענען אין א פלאץ וואס די מתפללים דארטן קומען פריה צום דאווענען און זענען מקפיד אויף ענטפערן אמן פארן דאווענען, האפנדיג אז דארט וועט די תפילה ענדערשט אנגענומען ווערן...

א דאנק אויף ענקערע אקטיוויטעטן

**ש.ל - בני ברק**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



די קבר פון רמב"ם - טבריה

### הרמב"ם

### כ' טבת ד"א תתקס"ה

הנשר הגדול רבינו משה בן מיימון - דער רמב"ם, איז געבוירן געווארן אין קארדאווא וואס איז אין שפאניע אין יאר תתצ"ה. זיינע ספרים: 'ספר המצות', 'י"ד החזקה' און 'פירוש המשנה', זענען אסאך מאל געדרוקט געווארן אין לויף פון די יארן, און זיי ווערן געלערנט דורך די גאנצע אידנטום מיט א הייליגן ציטער.

דער בעל 'סדר הדורות' (ד' אלפים תתקכ"ז) שרייבט אז דער חיבור 'י"ד החזקה' האט גענומען פארן רמב"ם צען יאר, וואס אין זיי איז ער נישט ארויס פון צימער. אין די נאכט ווען ער האט געענדיגט זיין חיבור, האט זיך אנטפלעקט צו אים אין חלום זיין פאטער רבי מיימון, ווען מיט אים איז מיטגעקומען משה רבינו, און דער רמב"ם איז דערשראקן געווארן. האט אים משה רבינו געזאגט: איך בין געקומען זען וואס דו האסט געטון, און ווען משה רבינו האט געזען זיין גרויסן חיבור, האט ער אים געזאגט: יישר כחך. דער רמב"ם איז געווען זייער א באקאנטער דאקטער און האט געדינט אלס פריוואטער דאקטער פון דער קעניג פון מצרים. ער איז נפטר געווארן אין אלכסנדריה וואס איז אין לאנד מצרים אין עלטער פון זיבעציג יאר, און זיין ארון איז ארויף געפירט געווארן קיין טבריה, וואו דארט איז ער באהאלטן געווארן.

### ענטפערן אמן

"יעדער וואס הערט א איד זאגט א ברכה פון אלע ערליי סארט ברכות, כאטש ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה פון אנהויב ביז די ענדע, און כאטש ער איז נישט מחוייב אין די ברכה - איז ער מחוייב ענטפערן אמן" (רמב"ם ברכות א יג). "ווייל דאס איז א הידור, לויבן און באשיינען און דערהויבן דעם געהערטן און פארכטיגן נאמען - וואס מ'דערמאנט נישט און מ'זאגט נישט די הזכרה אן צו דערהויבן אדער ענטפערן אמן..." ('שו"ת הרמב"ם' [מהד' מכון ירושלים] סי' סג).

### מאה ברכות

"זאגן מאה ברכות ... אפגעכאפט און שנעל איז דאס א ריכטיגע זינד, און דער וואס איז נישט מוחה אויף די חזנים אויף דעם איז א זינדיגער. ווייל די אלע עבודות וואס זענען דורך זאגן, איז די ציל אין זיי נאר זיך מתבונן זיין בשעת'ן זאגן און אינזין האבן, און וויסן אז יעצט רעדט ער מיטן האר פון דער וועלט, סיי ווען ער בעט פון אים אדער ער דאנק און לויבט אדער ער שילדערט זיינע מעשים און זיינע חסדים אדער ער שילדערט זיינע וואונדער אין די באשעפעניש און זיין מעגליכקייט, און דאס זענען זאכן וואס זענען שייך ביי אלע ברכות" (שם סי' לד).